מירט אויף זיינע גאַמישע טענער. גוזיק האָט אויך אויסגעזען זייער אימפּאָזאַנט אין דער ראָלע פון „אברהם" אין "עקדת יצחק".

מישע פישזאָן שרייבט:

„ער דערציילט מיר, אַז ער אַרבעט איצט (1916) אויף אַ נייעם פלאַן פון יידישע פּיעסן, געשפּילט אויף רוסיש, די זעלבע פּיעסן ווי זיי זיינען געשריבן, און איבערזעצט אין רוסיש, אַפילו מיט די זעלבע נעמען: „דאָס פינטעלע ייד" „טאַטושקאַ יעווריא", אָדער „אַ מענטש זאָל מען זיין" „טשעלאוויעקאם נאדא ביט", און אַזוי ווייטער. ער דענקט, ער וועט מאַכן אַ סך געלט און ער וועט קריגן גוטע רוסישע אַקטיאָרן. דער געדאַנק האָט מיר אויסגעוויזן ווילד, אָבער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָב איך אים געטראָפן אין קיעוו שפּילן דעם יידישן רעפּערטואַר אויף רוסיש און דער עולם האָט עס פיין אויפגענומען". [גוזיק האָט דעם רעפּערטואַר געשפּילט אין קיעוו שוין אין 1917].

לויט גרישאַ גראָסמאַן האָט ג. איבערזעצט און געשפּילט אויף רוסיש ניט נאָר יידישע אָפּערעטעס, נאָר אויך יידישע דראַמעס.

ש. ע. פון יהושע פּייל און זלמן זילבערצווייג.

בנציון פּאַלעפּאַדע — „זכרונות", בוענאָס איירעס, 1946, זז. 94, 98־97, 101־100, 111, 147.

מישע פישזאָן — הינטער'ן פאָרהאַנג פון אידישען טעאַטער, „דער טאָג", נ. י. 3 יאַנואַר 1948.

מ. מעלמאַן — אנא גוזיק צוגאַסט אין פּוילן, „מ' פּ", נ. י. 14 אויגוסט 1967.

הערמאַן יאבלאקאוו — „אַרום דער וועלט מיט אידיש טעאַטער". ניו־יאָרק, 1968, זז. 166־160.

## „הכל הבל"

י. האָרן שרייבט:

„שמחה און רות שוואַרץ האָבן געקאָנט גיין אויף אַ לייכטערן וועג. זייער קינסטלערישער פאַרמעסט ביים ליאַלקע־טעאַטער אויף יידיש איז אָבער אַן אויפטו, וואָס איז ווערט, אַז מ'זאָל פאַר דעם קעמפן און ניט מיד ווערן ביז מ'וועט באַנעמען און דערפילן אינטערעס און פאַרווילונג אין „הכל הבל".

ווען דער דירעקטאָר פון „הכל הבל" איז געקומען אין בוענאָס איירעס, אין דער אַמאָל אַזוי־צעפלאַמטער יידישער טעאַטער־שטאָט, זיינען אייניקע געווען זיכער, אַז דער ביז גאָר פיינער קינסטלערישער פּראָגראַם פון זיינע ליאַלקעס וועט אויפגענומען ווערן אין דער פולער מאָס און ער וועט באַקומען אַ פּלאַץ פאַר פּערמאַנענטע פאָרשטעלונגען. געמאַכט האָט זיך אָבער אַזוי, אַז די פאָרשטעלונגען האָבן אויסגענומען, נאָר צוגעצויגן דעם ברייטן עולם האָט „הכל הבל" ניט.

דער ועד החינוך האָט אָבער דערפילט דעם דערציערישן ווערט פון שמחה שוואַרצס ליאַלקע־טעאַטער און דורכגעפירט פאַר די שולקינדער אַ ריי פאָרשטעלונגען פון „דוד און גלית" א"אַ, וואָס האָבן די קינדער ביז גאָר פאַראינטערעסירט. קודם כל: דער אינהאַלט, וואָס ווערט באַגלייט פון זייער פיל שיינע געזאַנגען און דאַן די קינסטלעריש געשניצטע און געמאָלענע ליאַלקעס. דערנאָך האָט „הכל הבל" געגעבן אייניקע אָוונטן אין די סאַלאָנען פון די היגע גרויסע שולן, אַ פּאָר פאָרשטעלונגען אין ראָזאַריע א"אַ און ווייטער איז געבליבן ווי איבערגעריסן. דאָס קינסטלער־פּאָרל, יעדער פאַר זיך און ביידע צוזאַמען, האָבן באַקומען אַ ריי איינלאַדונגען און זיי זיינען מיט דערפאָלג אויפגעטראָטן מיט רעציטאַציעס און געזאַנג אויף פאַרשיידענע אָוונטן, נאָר מיט „הכל הבל" איז געוואָרן שטיל. ...די אָנפירונג פון קולטור־קאָנגרעס האָט געפונען פאַר זייער צוגעפּאַסט, אַז ביים אַקט פון איבערגעבן די האָפּער־לייב־ליטעראַטור־פּרעמיע דעם היגן דערציילער בערל גרינבערג, זאָלן שמחה און רות שוואַרץ אויפטרעטן מיט זייער ליאַלקע־טעאַטער. אויסגעפירט האָבן זיי „דוד און גלית" און „באַנטשע שווייג" ...און אָט איז לעצטן זונטיק פאָרגעקומען אין „העבראַיקאַ" אַ פאָרשטעלונג פון „הכל הבל". ס'איז געגעבן געוואָרן „דוד און גלית", „באַנטשע שווייג", „דער וואָס פאַרנעמט צופיל" און „אַ חתונה". ...נאָך אַ לענגערן איבערייס האָבן שמחה און רות שוואַרץ צוריק אָנגעהויבן מיט זייער ליאַלקע טעאַטער. דאַרפן נייר זיי סטימולירן און העלפן שאַפן די געהעריקע באַדינגונגען, אַז „הכל הבל" זאָל געבן וואָס מער פאָרשטעלונגען פאַר גרויס און קליין אין בוענאָס איירעס ווי אין די פּראָווינצן".

י. האָרן — מאַמענטען, „ד'א'צ", ב"א, 14 יולי 1953.

## זשיטניצקי, ל. [פּנחס־אליעזר]

[געב. 30 אָקט. 1894 — געשט. 24 יאַנואַר 1967]



געבוירן 30 אָקטאָבער 1894 אין פאַסטאָוו, קיעווער גוב., אוקראַינע. פאָטער — אַ מילנער. באַקומען אַ טראַדיציאָנעל־יידישע דערציונג, אויך וועלטלעכע בילדונג אין אַ קיעווער גימנאַזיע. 1916 געענדיקט אַ יידישן פאַקולטעט פון קיעווער אוניווערזיטעט און אַריינגעטראָטן פרייוויליק אין דער צאַרישער אַרמיי. 1917 — געענדיקט די קיעווער אַלעקסייעוו מיליטער־שול. דערנאָך פאַרלאָזט רוסלאַנד. אַ צייט געוווינט אין ווין, וווּ ער האָט געאַרבעט אין סעמינאַר פון פּראָפעסאָר שפּאַן איבער מלוכה־רעכט. 25־1923 שטודירט אין די אוניווערזיטעטן פון קעניגסבערג און באָן.

ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין רוסיש. אַ צייט אָנגעפירט מיט דער טעאַטער־אָפּטיילונג פון רוסישן זשורנאַל „וומיריע איסקוסטווא". אין 1912 געדרוקט לידער אין רוסיש.

אין 1928 זיך באַזעצט אין אַרגענטינע, וווּ ער איז אַריבער צו יידיש, פריער געווען אַ מיטאַרבעטער אין „די אידישע צייטונג" דערנאָך אַריבער אין „די פּרעסע", וווּ ער איז געוואָרן איינער פון די וויכטיקסטע מיטאַרבעטער, אַ מיטרעדאַקטאָר, דערנאָך שעף־רעדאַקטאָר, און געשריבן אויסער אונטערן אייגענעם נאָמען אויך אונטער די פּסעוודאָנימען מאָרוס, ט. ביילין און רעצענזיעס און לענגערע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער, פּיעסן, שוישפּילער און אויפפירונגען, מוזיק, ליטעראַטור און פּאָליטיק. ז. האָט אויך רעדאַקטירט עטלעכע וויכטיקע אויסגאַבן און אַרויסגעגעבן אייניקע ביכער, איז געווען געזעלשאַפטלעך טעטיק און האָט זיך באַזונדערס געווידמעט דעם יידישן שול־וועזן און דעם „ייוואָ", וועמענס פאָרזיצער ער איז געווען אין אַרגענטינע:

דעם 24 יאַנואַר 1967 איז ז. געשטאָרבן אין בוענאָס איירעס.

זלמן זילבערצווייג שרייבט:

„די לייענער פון „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער" וועלן אין די בענד פון דעם בוך געפינען גאַנץ אָפט ציטאַטן פון דר. זשיטניצקיס לענגערע קריטיקס וועגן שוישפּילער אָדער אויפפירונגען. זיי זיינען געשריבן אין ניט קיין פּאָפּולערער שפּראַך, טיילמאָל אַפילו אַ ביסל